## ***נעוץ סופה בתחילתה***
## ***ווי אַזוי מאַכט מען אַ חשבון?***

דער שבת פֿאַר ראָש-השנה איז דער כּללות פֿון אַלע שבתים.
ער איז גרעסער פֿון ראָש-השנה.
צוליב דעם יעדער דאַרף ייִד מאַכן אַ חשבון פֿון זייַנע געשעפֿטן פֿון אַ גאַנץ יאָר.
ווי מאַכט מען אַ חשבון פֿון אַ גאַנץ יאָר?
אָ גוטער בוכהאַלטער ווייסט עס אויסגעצייכנט:
גיך, רויִק און פֿריילעך.
זיכער האָט ער נישט קיין טעות.
און אויב ער געפֿינט יאָ אַ טעות, אַ חסרון, ווערט ער נישט מרה-שחורהדיק.
די סיבה: "באשר הייַנטיקס יאָר האָב איך נישט געפּילעוועט דאָס טאָגבוך,
אויף דעם נייַעם יאָר וועל איך פּילעווען דאָס טאָגבוך וועט שוין אין סוף יאָר זייַן גוט".

דאָס איז דער כּלל: אַפֿילו חשבון-הנפֿש דאַרף מען מאַכן גיך, לעבעדיק און פֿריילעך אַזוי ווי דער גוטער בוכהאַלטער.
און אַפֿילו עס איז נישט אַזוי גוט דאַרף מען בעטן מחילה און ווייַטער פּילעווען דאָס טאָגבוך.

*1.* *נייַע ווערטער*

מאַכן – לעשות
יעדער – כּל אחד
דאַרפֿן –צריך
געשעפֿט – עסק
גאַנץ – כּל
בוכהאַלטער – רואה חשבון
ווייסט – יודע
גיך – מהר
רויִק – רגוע
זיכער –בטוח
אויב – אם
געפֿינט – מוצא
הייַנטיקס יאָר – השנה הזאת
פּילעווען – לטפח
טאָגבוך - יומן
בעטן – לבקש
ווייַטער – הלאה
לעבעדיק – מלא חיים



**2.משל נמשל**
1
2
3
4

## ***3. ריכטיק/נישט ריכטיק***

דאָס איז אַ משל אויף פּסח
דער בוכהאַלטער איז דער שׂטן
ער האָט אַ טאָגבוך
עס איז אַ חשבון פֿון אַ חודש
דער בוכהאַלטער איז אַ פֿרײַלעכער מענטש
חשבון-הנפש דאַרף מען מאַכן גיך, לעבעדיק און פֿרײלעך

**4. צופּאסן דאָס וואָרט צו דעם זאַץ**

ער האָט אַ גוטן ציון, דער קאָנטראָל איז ___________.
זיי מאַכן יאָגאַ, זיי זענען __________.
דאָס זענען אמתע חסידים, זיי זענען_____________.
מיר זענען אַריבער אַ דירה, אַלץ איז ________.
אַז מען טוט אַ מצווה, פֿילט מען זיך_________.
אַן עופּהלע איז תּמיד________.
לאָמיר אַלע לוסטיק זײַן, לאָמיר אַלע _________ זײַן .
נישטאָ קיין גוטע נײַעס, עס איז________________.
הײַנטיקס יאָר וועט _________ זײַן גוט.

**5. טײַטשן דעם משל אין לשון-קודש**

**וואַריאַנט**

אַ סוחר האָט אַ באַשטימטע צײַט אויף מאַכן אַ חשבון ווי האַלט דאָס אין זײַן מסחר.
אויב ער וועט האַלטן נאָכאַנאַנד אין איין מאַכן חשבונות, וועט ער קיין מאָל נישט קומען צום האַנדלען.
אַלע טאָג שליסט ער אָפּ דאָס בוך פון דעם טאָג.
יעדער וואָך, יעדער וואָך, חודש - דעם חשבון פֿון דער צײַט.
און צום סוף מאַכט ער אַ חשבון כּללי פֿון זײַן מסחר.
אַזוי אויך אין רוחניות.

אַלע טאָג דאַרף מען מאַכן אַ חשבון אין קריאת-שמע-שעל-המיטה פֿון דעם טאָג.
ערב-שבת פֿון דער וואָך.
ערב-ראָש-חודש פֿון דעם חודש.
דאָס אַלץ איז אַ חשבון-פּרטי.
חודש אלול מאַכט מען אַ חשבון כללי, מכללות מעמדו ומצבו פֿאַרן גאַנצן יאָר.

די 12 טעג פֿון יח' אלול ביז ראָש-השנה, דאַרף מען מאַכן אַ חשבון יום לחודש - יום לחודש און ערב-ראָש-השנה יז דער חודש פֿון חודש אלול
לך השם הצדקה ולנו בושת הפנים...לא במעשים באנו לפֿניך

און מיר בעטן דעם רבונו-של-עולם.די הנהגה זאָל זײַן לפֿנים משורת הדין.

יהי רצון עס זאָל זײַן אַ גוט געבענטשט יאָר!